ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות


פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי


### פרק רביעי

אין פערטן פרק פון אבות זאגט די משנה: שלשה כתרים הן, כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן. פרעגן אויף דעם, די מפרשים: פארוואס רעכנט ער ניט "כתר שם טוב" מיט די אנדערע כתרים, און ער זאגט ניט "ארבעה" כתרים הן?

אויך דארף מען פארשטיין:

וואס איז אזוי גרויס די מעלה פון א גוטען נאמען, ביז עס איז גרעסער פון כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות? תורה, כהונה און מלכות זיינען דאך אמת'ע מעלות, מה שאין כן כתר שם טוב איז דאך לכאורה נאר אן אויסערליכער זאך. און עס קען אמאל זיין אז מען האט א גוטען נאמען און מען האט ניט די אמת'ע מעלות. איז ווי קען זיין, אז כתר שם טוב זאל זיין גרעסער פון כתר תורה, כהונה און מלכות?

אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון "עולה על גביהן". עס האט געדארפט שטיין "למעלה מכולם", אז דער כתר שם טוב איז גרעסער פון די אנדערע כתרים, וואס מיינט "עולה על גביהן" - אויף די אנדערע כתרים?

דער ביאור אין דעם: ווען איז כתר שם טוב א מעלה? ווען ער איז "על גביהן", ווען עס קומט *נאך* די פריערדיגע דריי כתרים. "שם טוב" אליין איז גארניט אזא מעלה, ווי געזאגט פריער אז דאס איז א אויסערליכער זאך. נאר ווען ער איז "עולה על גביהן" פון די אמת'ע מעלות איז עס א גרויסע מעלה.

דעריבער רעכנט מען ניט "כתר שם טוב" פאר א פערטע מעלה, ווייל פאר זיך אליין איז עס ניט קיין גרויסע מעלה. בשעת אבער עס זיינען דא די דריי כתרים פון תורה, כהונה און מלכות, און נאך זיי - "על גביהן" - קומט דער "כתר שם טוב", דאן איז ער "עולה", ער איז נאך העכער פון די דריי כתרים אליין.

(לקו"ש ח"ד ע' 1214)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"